**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארברייטערן העלט קעיר ציטריט פאר ניו יארקער**

***לעגיסלאציע S.8486-C/A.9102-C פארבינדען צו מעדיקעיד פארגיטיגונג פאר באהאנדלונג אויפן ארט און טראנספארטאציע צו אלטערנאטיווע העלט קעיר ראמען דורך גרונט אמבולאנס סערוויסעס***

***לעגיסלאציע S.6226-A/A.5789-A שטעלט צו פאר עוועליביליטי פון אמבולאנס סערוויסעס און פארגעשריטענע לייף סאפארט ערשטע אנטווארט סערוויסעס צו האלטן און פארטיילן בלוט און אנהייבן און אויספירן בלוט טראנספיוזעס***

גאווערנער קעטי האקול האט אינטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו פארזיכערן גלייכע צוטריט צו וויכטיגע העלטקעיר און ווידערבאשטעטיגן ניו יארק'ס פארפליכטונג צו באשיצן פובליק געזונטהייט און פארבעסערן פאציענט אויסקומען איבער געמיינדעס.

"מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין אונזער סטעיט און פארזיכערן אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די הילף זיי דארפן און וועלכע עס קומט זיך זיי," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די לעגיסלאציע פארזיכערט וויכטיגע באהאנדלונג און טראנספארטאציע, און ערלויבט ניו יארקער צו פאקוסירן אויף זייער וואויל זיין דורכאויס אן עמערדשענסי אשטאט זיך זארגן איבער די פינאנציעלע קאסט אדער עוועליביליטי פון קריטישע העלטקעיר ווען זיי דארפן עס דאס מערסטע."

לעגיסלאציע S.8486-C/A.9102-C פארלאנגט מעדיקעיד פארגיטיגונגען פאר אמבולאנס סערוויסעס ווען באהאנדלונג אויפן ארט איז אדמיניסטרירט און/אדער ווען טראנספארטאציע איז צוגעשטעלט צו אלטערנאטיווע העלט קעיר ראמען אשטאט אן אלגעמיינע שפיטאל.

לעגיסלאציע S.6226-A/A.5789-A אויטאריזירט גרונט אמבולאנס און פארגעשריטענע לייף סאפארט ערשטע אנטווארט סערוויסעס צו האלטן און פארטיילן בלוט און אנהייבן און אויספירן בלוט טראנספיוזעס, שפיגעלדיג אויטאריזיאציעס צוגעשטעלט צו לופט אמבולאנס סערוויסעס.

**סטעיט סענאטארטשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "לענגאויס ניו יארק סטעיט, EMS פראוויידערס זענען אין קריזיס, אויסגעשטעלט צו ערנסטע פראבלעמען וועלכע באדראען זייער מעגליכקייט צו בלייבן אפען, פון שוואכע פארגיטיגונג צו מערערע מאסנאמען וועלכע האלטן זיי צוריק פון צושטעלן לעבן-רעטענדע קעיר ווען פארלאנג פאר זייער סערוויסעס וואקסט. איך בין שטאלץ אז צוויי פון אונזערע בילס וועלכע טוהן דירעקט אדרעסירן די פראבלעמען זענען יעצט געזעץ, ענדליך פארזיכערענדיג אז EMS וועט ווערן באצאלט פאר באהאנדלונג זיי ווערן יעצט נישט פארגיטיגט פאר, א שטייגער ווי אויפן-ארט באהאנדלונג, טעלעמעדעצין און ספעציאלעזירטע טראנספארט צו גייסטישע געזונטהייט איינריכטונגען

און ערלויבענדיג גרונט אמבולאנסען אויסצופירען און אדמיניסטרירן בלוט טראנספיוזעס צו טראומא פאציענטען אין אלע עמערדשענסי אומשטענדען, נישט נאר צווישען שפיטעלער. EMS איז א זויל פון אונזער העלטקעיר סיסטעם, ספּיציעל אין דארפישע און מעדיצינישע איטערגעדינע געגענטער וואו אנקומען צו א שפיטאל קען געדוירען איבער א שעה. די בילס וועלן גלייך פארשטערקערן EMS און ראטעווען לעבענס, און איך דאנק די גאווערנער פארן זיי אינטערשרייבן אין געזעץ."

**אסעמבלימעמבער ענגע קעלעס האט געזאגט,** "עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויס שטעלט צו וויכטיגע לעבן רעטענדע קעיר דורכאויס די סטעיט אריינגערעכענט דירעקטע הילף סיי אויפן ארט און אויפן וועג צו א מעדעצינישע איינריכטונג. די סערוויסעס זענען ספּיציעל קריטיש אין דארפישע געגנטער וואו ציטריט צו שפיטעלער קענען זיין שעות אוועק. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פארן אינטערשרייבן דעם ביל היינט, און נעמען א גרויסע טריט צו פארגיטיגען די דרייסטע, איבערגעגעבענע העלטקעיר פראוויידערס. זיי צושטעלן מיט די ערלויבעניש אפצומאכן די עמערדשענסי לאקאציע וועלכע וועט בעסט דינען די פאציענט'ס געברויכן איז נישט נאר קאמאן סענס, נאר עס שטעלט אויך צו א מער עפיציענט ליפערונג פון עמערדשענסי סערוויסעס."

**אסעמבלימעמבער קארי ווארנער האט געזאגט,** "איינפאך געלייגט, אוטאריזירן די סטארעדש פון בלוט פאר די אדמיניסטרירונג פון טראנספיוזעס אויף אמבולאנסען וועט ראטעווען לעבענס. נאכן אויסהערן די וויכטיגע זארגן פון ערשט ריספּאנדערס און מעדיצינישע עמערדשענסי הילף געבער אין מיין דיסטיריקט, האב איך געארבעט צוצושטעלן א לעגיסלאטיווע, לעבן-רעטענדע לעזונג. איך בין עכט דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע פון פובליק געזונטהייט און איר פאקוס אויף פארבעסערן צוטריט צו קוואליטעט קעיר אין אונזערע סטעיט."

**NYSAC פרעזידענט בענדשאמין בויקין II האט געזאגט,** "היינט, גאווערנער האקול טוט ענפערן די דרינגענדע רופן פון ניו יארק'ס RNS פראוויידער דורך אינטערשרייבן לעגיסלאציע וועלכע וועט זיי געבן די פינאנצירונג און בויגזאמקייט זיי דארפן צו ראטעווען לעבענס. איבער די סטעיט, אונז זעהן אמבולאנס ווארט צייטן פארמערן ווען EMS פראוויידער מיטשענען זיך מיט ארויפגייענדע קאסטן, הויכע פארלאנג פאר פארמערנדע קאמפליצירטע סערוויסעס, און צוריקגעשטאנענע מעדיקעיד פארלאנגען וועלכע טוהן נאר פארגיטיגען EMS פראוויידערס ווען זיי טראנספּארטירן א פאציענט צו א שפיטאל. דורכן אינטערשרייבן די באהאנדלונג אויפן ארט ביל צו געזעץ, גאווערנער האקול טוט פארשטערקערן EMS פראוויידערס צו צושטעלן פאציענטן מיט די קעיר זיי דארפן אויפן צענע, אדער זיי טראנספּארטירן צו א מער פאסיגע לאקאציע ווי גייסטישע געזונטהייט קליניקס, סובסטאנץ אביוז איינריכטן אדער אורדשענט קעיר, אן ווערן פינאנציעל געשטראפט. קאונטיס קאמענדירן גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער פארפליכטונג צו שטערקערן שטיצן EMS אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט וואלונטעטיגע אמבולאנס און רעטונג פארבאנד לעגיסלאטיווער טשעירמאן סטיווען קראל האט געזאגט,** "די גאווערנער און לעגיסלאטור האבן געמאכט א מולטי-יאר פארליכטונג צו פארבעסערונגען און אינוועסטירונגען אין עמערדשענסי מעדעצינישע סערוויסעס. די ניו יארק סטעיט וואוילטעטיגע אמבולאנס און רעטונג פארבאנד איז דאנקבאר צו גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור פארן איינפירן די נייע געזעצן וועלכע וועלן פארבעסערן עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויסעס דורכאויס ניו יארק סטעיט. EMT'ס און פאראמעדיקס זענען די ערשטע הילף פראפעסינאלן וועלכע מענטשן זעהן ווען זיי זענען קראנק און פארוואונדעט און די נייע געזעצן געבן EMS קלינישענס מער געצייג צו אפגעבן פאר זייער געמיינדעס. די באהאנדל-אויפן-ארט געזעץ וועט ערלויבן עפיציענט און עפעקטיוו באנוץ פון העלט קעיר רעסארסן דורך פראוויידער באצאלונג ווען EMS סערוויסעס שטעלן צו פאציענט-צענטירט קעיר אן אמבולאנס טראנספּארטאציע צו די שפיטאל. די גרונט אמבולאנס בלוט טראנספיוזע געזעץ וועט שנעל ברענגן לעבענסרעטענדע טראנספיוזעס צו פאציענטען מיט ערנסטע

וואונדען.ביידע נייע געזעצן צייגן ניו יארק'ס פארפליכטונג צו זיין א פירער אין עמערדשענסי מעדעצינישע סערוויס אינאוואציע און קוואליטעט."

**ניו יארק סטעיט EMS קאונסיל טשעיר מייק מקעוואוי האט געזאגט,** "פארגיטיגונג פון אמבולאנס סערוויסעס פאר קעיר צוגעשטעלט אנע שפיטאל טראנספארט אדער פאר טראנספארט צו קליניקס, אורדשענט קעיר צענטערן אדער אנדערע נישט-שפיטאל דעסטינאציעס, וועט פארבעסערן ציטריט צו עמערדשענסי קעיר פאר ניו יארקער וועו אויך סיגניפיש פארמינערן קאסטן. פאר א פאציענט מיט ערנסטע פארבלוטיגונג קומט אן צו א שפיטאל, בלוט אדמיניסטראציע קען זיין די אונטערשיד צווישן לעבן און טויט. גאווערנער האקול דארף זיין קאמענדירט דורך די מענטשן פון ניו יארק און אונזער עמערדשענסי סערוויסעס פארן אינטערשרייבן די צוויי שטיקלעך לעגיסלאציע וועלכע וועלן ראטעווען לעבענס."

**פאראייניגטע ניו יארק אמבולאנס נעטווארק טשעירפרוי, ראקלענד פאראמעדיק סערוויסעס עקזעקעטיווע דירעקטארן און ראקלענד מאביל קעיר CEO טימאטי פ. עגאן האט געזאגט,** "די פאראייניגטע ניו יארק אמבולאנס נעטווארק (UNYAN) דאנקט גאווערנער קעטי האקול פארן איינפירן די געזעצן. זיי וועלן האבן א שטארקע ווירקונג אויף די עמערדשענסי מעדיצינישע סיסטעם און אלגעמיינע העלטקעיר פון ניו יארקער. די באהאנדל אויפן ארט / טראנספארטיר צו אלטערנאטיווע דעסטינאציע געזעץ וועט פארזיכערן אמבולאנס סערוויס פראוויידער ווערן פארגיטיגט פאר די קעיר זיי שטעלן צו יעדער מעדיקעיד פאציענט אין יעדער פאל, טרייבענדיג EMS און די אלגעמיינע העלטקעיר סיסטעם. די גרונט אמבולאנס בלוט טראנספיוזע געזעץ וועט סיגניפיש פארבעסערן פאציענט אויסקומען און איבערלעבן ראטעס פון טראמאטיש פארוואונדעטע פאציענטען איבער ניו יארק סטעיט. אונז זענען שטארק דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די דיפארטמענט פון געזונטהייט פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון די צוויי בילס און זיי מאכן א ריאליטעט."

**מונדירטע EMT'ס, פאראמעדיקס & אינספעקטארס - FDNY פרעזידענט ארען בארזילי האט געזאגט,** "אין נאמען פון אונזער איבער 4000 מעמבערס אונז אפלאודירן די גאווערנער אינטערשרייבן די צוויי אויסגעצייכנטע EMS בילס. די בילס וועלן העלפן EMS פראוויידערס פארמינערן פינאציעלע פארלוסטן פון באהאנדלן רופן וואו מעמבערס באהאנדלן פאציענטען אויפן פעלד אדער אינדערהיים אן דארפן טראנספארטירן צו א שפיטאל וועלכע קען זיין פילע מייל ווייט אין טיילן פון ניו יארק. אונז געבן די מעגליכקייט צו טראגן גאנצע בלוט אויף פולע פון אונזער אמבולאנסן און מאכן טראנספיוזעס אין די פעלד איז אויפגעוויזן געווארן צו ראטעווען לעבנס ווען סעקונדעס ציילן. דאס איז א בריליאנטע שטיקל לעגיסלאציע. אונז קאמענדירן גאווערנער האקול פאר איר פאראויס בליק אין ערלויבן די צוויי וויכטיגע שטיקלעך פון לעגיסלאציע."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן